בס"ד

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

אויף אידיש

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פרשת ויקרא תשפ"ה
גליון קל"ח
שנה ד'

## השי"ת האט געוויזן פאר משה רבינו דעם צירוף 'ויקרא' נישט 'אוקיר' ווייל מען זאגט נאר מקצת שבחו בפניו

**ויקרא אל משה וידבר ה' אליו...** (א, א)

לכאורה וואלט געקענט שטיין "**ויקרא ה' אל משה מאהל מועד לאמר**", אויב אזוי דארף מען פארשטיין: א. פארוואס שטייט "**ויקרא אל משה**" און עס שטייט נישט ווער עס האט אים גערופן? ב. פארוואס שטייט נאכאמאל "**וידבר ה' אליו**"?

נאר אין זוהר הק' שטייט (ח"ב ג.) אז די ווארט "**ויקרא**" קען ווערן אויסגעשטעלט אין אן אנדערן סדר מיט'ן צירוף פון "**אוקיר**" און דאס קומט מרמז זיין על שם הפסוק (ישעיה יג, יב) "**אוֹקִיר אֱנוֹשׁ מִפָּז וְאָדָם מִכֶּתֶם אוֹפִיר**", דאס מיינט אז דער אויבערשטער האלט אים טייערער פון גין גאלד און פון טייערע צירונגען.

זאגט אבער דער זוהר הק' אז פאר משה רבינו האט מען נאר מגלה געווען די צירוף פון "**ויקרא**" אבער נישט דער לשון "**אוקיר**" וואס דאס איז זייער א גרויסע שבח, ווייל מען זאגט נאר מקצת שבחו בפניו און נישט די גאנצע שבח, וועגן דעם האט דער אויבערשטער דאס נישט געוואלט זאגן בפניו פון משה רבינו, משא"כ דער צירוף פון "**ויקרא**" וואס דאס איז אויך א לשון חיבה (עי' רש"י) אבער נישט אזא מורא'דיגע שבח ווי "אוקיר" האט אים דער אויבערשטער יא געזאגט בפניו. און אפילו דאס האט אויך משה רבינו ברוב ענותנותו געשריבן מיט א קליינע א', ווייל ער האט געהאלטן אז ער איז דאס אויך נישט ווערד.

לפי זה קען מען לערנען פשט אין פסוק: "ויקרא" דער צירוף האותיות פון "**ויקרא**" האט דער אויבערשטער מגלה געווען נאר "**אל משה**", הגם עס איז געווען אן אנדערע צירוף פון "אוקיר", האט אבער דער אויבערשטער געוויזן פאר משה רבינו דעם צירוף פון "ויקרא". און פארוואס טאקע? ווייל "**וידבר ה' אליו**" דער אויבערשטער האט גערעדט **צו אים** פנים בפנים, און בפניו זאגט מען דאך נאר "מקצת שבחו", וועגן דעם האט ער אים אין פנים נישט געוואלט זאגן די מורא'דיגע שבח פון "אוקיר אנוש מפז".

**'קומץ המנחה' דרוש ח' לפרשת ויקרא אות ג**

## אפילו מען ברענגט א גרויסע בהמה פאר א קרבן קען נחשב ווערן כאילו 'הקריב את נפשו'

**אדם כי יקריב מכם קרבן לה' מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם.** (א, ב)

מען דארף דא מדייק זיין צוויי דיוקים: ערשטנס, פארוואס שטייט "**כי יקריב מכם**", לכאורה איז גענוג אז עס שטייט "**אדם כי יקריב קרבן לה'**"? צווייטנס, לכאורה איז דא דא א כפילות הלשון: "**אדם כי יקריב... תקריבו את קרבנכם**"?

נאר ביי א קרבן מנחה שטייט אין פסוק (להלן ב, א) "**ונפש כי תקריב**". זאגט דארט רש"י אז ביי א מנחה שטייט "**ונפש" כי תקריב**, ווייל געווענליך איז דאס אן ארעמאן וואס ברענגט א קרבן מנחה ווייל ער האט נישט מער ווי אביסל מעל, זאגט די תורה אז דאס ווערט אים גערעכנט כאילו ער האט מקריב געווען **זיין אייגענע נפש** פאר'ן אויבערשטן.

פשט פון דעם איז, ווייל דער עיקר פונעם קרבן איז דאך די הכנעה און די לב נשבר פונעם מענטש וואס ברענגט דעם קרבן, אזוי ווי עס שטייט (תהלים נא, יט) "**זבחי אלקים רוח נשברה**". און ווייבאלד דער ארעמאן האלט זיך דאך בהכנעה און מיט א שטארקע לב נשבר, בפרט אז ער קען נאר ברענגען אזא קליינע קרבן, ווערט גערעכנט כאילו ער האט געברענגט **זיין נפש ממש** פאר'ן אויבערשטן.

אויב אזוי קומט אויס, אז אפילו אן עושר וואס ברענגט א גרויסן אקס פאר א קרבן, אויב וועט ער דאס ברענגען מיט גרויס הכנעה און א לב נשבר צו טון דעם רצון ה' מיט'ן גאנצן הארץ, וועט עס אים אויך גערעכנט ווערן כאילו ער איז מקריב **זיין אייגענע נפש** פאר'ן אויבערשטן.

וועגן דעם זאגט דער פסוק: **אדם כי יקריב "מכם"**, אז דער וואס ברענגט א קרבן זאל דער קרבן זיין "**מכם**" מיט'ן גאנצן ווילן, און מיט א ריכטיגע הכנעה צו טון דעם רצון ה' מיט'ן גאנצן הארץ. און אויב אזוי איז ווען ישראל עושים רצונו של מקום איז דאך מלאכתן נעשית ע"י אחרים, ממילא וועט ער ווערן אן עושר און ער וועט שוין קענען מקריב זיין "**מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן**", אבער מיט דעם אלעם וועט דאס גערעכנט ווערן "**תקריבו את קרבנכם**" כאילו ער האט מקריב געווען זיין אייגענע נפש, ווייבאלד ער ברענגט דאס מיט'ן גאנצן הארץ.

**'קומץ המנחה' דרוש ח' לפרשת ויקרא אות ג**

## אויב מען טוט תשובה און מען איז צוריק מתקן די רמ"ח אברים ווערט די עולה אנגענומען

**אם עולה קרבנו... זכר תמים יקריבנו אל פתח אהל מועד יקריב אותו לרצונו...** (א, ג)

לכאורה איז דא דא א כפל הלשון: "**יקריבנו - אל פתח אוהל מועד יקריב אותו**"? (ועי' רש"י)

נאר דער טעם פארוואס אן עולה מוז קומען דוקא פון **א זכר** קען מען זאגן, ווייל די גמרא זאגט (יומא לו.) אז א קרבן עולה קומט מכפר זיין אויפן מבטל זיין א מצות עשה. און חז"ל זאגן דאך (מכות כג:) אז די רמ"ח מצוות עשה זענען מכוון קעגן די רמ"ח אברים שבאדם, און ווי באוואוסט (עי' בכורות מה.) האט נאר א מאן רמ"ח אברים, משא"כ א פרוי האט רנ"ב אברים, און דאס איז טאקע די סיבה פארוואס א פרוי איז נישט מחויב מיט אלע מצוות עשה, אויב אזוי איז דאך די מצוות עשה בבחינת **זכר**. איז אויב מען האט פוגם געווען אין א עשה

וואס איז בבחינת זכר, דארף מען ברענגען אן **עולה** דייקא פון א **זכר**.

און וועגן דעם דארף די עולה זיין "**תמים**" אן קיין מום, ווייל ווען א מענטש איז מבטל א מצות עשה ווערט זיין אבר וואס איז מכוון קעגן דעם מצות עשה נפגם, און ער ווערט א בעל מום, און ווען ער טוט תשובה ווערט ער צוריק גאנץ אן קיין מום, וועגן דעם דארף די עולה זיין "**תמים**" ווייל ער מאכט צוריק גאנץ זיין בעל הבית מיט גאנצע רמ"ח אברים.

קומט אויס אז דער עיקר מטרה פונעם קרבן עולה איז אז **דער מענטש אליינס** זאל צוריק גאנץ ווערן נאך וואס ער וועט תשובה טון און ווערן אויס בעל מום. וועגן דעם זאגט דער פסוק: "**אם עולה קרבנו מן הבקר**" אויב א איד דארף ברענגען א קרבן עולה, ווייל ער האט עובר געווען אויף א מצות עשה, "**זכר תמים יקריבנו**" דארף עס זיין א **זכר**, מרמז צו זיין אז ער האט פוגם געווען אין די **רמ"ח מצוות עשה**, און עס דארף זיין א **תמים**, מרמז צו זיין אז זיינע **רמ"ח אברים** זענען נפגם געווארן, און עס דארף ווערן גאנץ.

זאגט דער פסוק ווייטער, אז אויב אזוי איז דער עיקר מטרה פונעם קרבן "**יקריב אותו**" אז ער זאל **זיך אליינס** צוריק דערנענטען (וכעין שפירש"י על "יביא אותו" - במדבר ו, יג), דאס הייסט אז די קרבן זאל אים צוברענגען צו פארשטיין אז איינע פון **זיינע רמ"ח אברים** וואס איז מכוון קעגן דעם מצות עשה איז פעלעריג, און אז **ער** וועט תשובה טון וועט ער צוריק גאנץ ווערן אן קיין מום. און דעמאלטס "**לרצונו לפני ה'**" וועט **זיין קרבן** באוויליגט ווערן פאר'ן אויבערשטן, ווייל ער איז אנגעקומען צו די ריכטיגע מטרה פונעם קרבן אז **ער אליין** זאל צוריק פארריכטן **זיינע אברים**.

אויב אזוי איז שוין פארענטפערט די קשיא, ווייל "**יקריבנו**" גייט ארויף **אויפן קרבן**, אז אויב ער דארף ברענגען א קרבן עולה איז "**זכר תמים יקריבנו**" דעם קרבן. און "**יקריב אותו**" גייט ארויף אויפן **מענטש אליין**, ער זאל אריינטראכטן בשעת'ן ברענגען דעם קרבן אז בעצם דארף דא **ער אליין** צוריק פאררעכטן זיינע רמ"ח אברים.

## דער נשיא האט שוין א כפרה פונעם 'לב נשבר' פאר'ן עצם ברענגען דעם חטאת צום כהן

**אשר נשיא יחטא... בשגגה ואשם... וכפר עליו הכהן מחטאתו ונסלח לו. ואם נפש אחת תחטא בשגגה... וכפר עליו הכהן ונסלח לו.** (ד, כב-לא)

ביי דעם "חטאת נשיא" זאגט דער פסוק: **וכפר עליו הכהן** "**מחטאתו**" **ונסלח לו**, משא"כ ביים "חטאת הדיוט" שטייט "**וכפר עליו הכהן ונסלח לו**" און דער פסוק דרוקט נישט אויס "מחטאתו". פארוואס ביים נשיא איז די תורה יא מדגיש "וכפר עליו הכהן **מחטאתו**"?

נאר לכאורה איז שווער, ווייל די קרבנות ברענגט מען דאך לויט וויפיל געלט מען פארמאגט, און דער נשיא - דאס מיינט מען דאך דעם מלך - איז דאך דער רייכסטער פון כלל ישראל, איז אויב אזוי פארוואס ברענגט ער נאר אזא קליינע קרבן, א **שעיר** לחטאת, די זעלבע ווי א הדיוט וואס ברענגט א כשבה אדער שעירה?

און נאכמער פון דעם, אנפאנג פון די פרשה זאגט די תורה אז אויב דער כהן גדול טוט אן עבירה בשוגג, דארף ער ברענגען א "פר" פאר א חטאת. איז דאך דער מלך וואס איז נאך רייכער וואלט געדארפט ברענגען לכל הפחות נישט וויינציגער ווי א פר, אבער למעשה ברענגט דער נשיא בלויז א **שעיר** לחטאת, פארוואס טאקע ברענגט ער א קלענערע קרבן, פונקט ווי א הדיוט?

נאר דער אמת איז אז דער עיקר פונעם קרבן איז דער "לב נשבר" וואס דער מענטש האט בשעת'ן ברענגען דעם קרבן, אזויווי עס שטייט אין פסוק (תהלים נא, יט) "**זבחי אלקים רוח נשברה**" - אז דער עיקר פונעם קרבן איז דער לב נשבר. אזוי אויך זאגן חז"ל (סנהדרין מג:) אז א מענטש וואס האט א לב נשבר און איז זיך מכניע זיין הארץ פאר'ן אויבערשטן, ווערט נחשב כאילו ער האט מקריב געווען אלע קרבנות, ווייל דער עיקר פון די קרבנות איז **די הכנעה** וואס דער מענטש בייגט זיך אונטער זיין הארץ צום אויבערשטן.

אויב אזוי איז קיין שום ספק נישט, אז ווען דער נשיא פון כלל ישראל דארף קומען צום כהן מיט א קרבן ווייל ער איז נכשל געווארן מיט א שוגג, איז זיין בושה אזוי גרויס ביז זיין הארץ ווערט ממש צובראכן לשברי שברים, און דאס אליינס טוט שוין אויף די עיקר כפרה אויף זיין עבירה, ממילא אפילו ער איז דער גרעסטער עושר איז אים גענוג די זעלבע קליינע קרבן פונקט ווי א הדיוט וואס איז נישט אזא עושר, אבער האט נישט די זעלבע בושה און לב נשבר ווי דער מלך.

וועגן דעם ווען די תורה זאגט אז דער נשיא דארף ברענגען אויף א שוגג נאר א **שעיר לחטאת**, ענדיגט דער פסוק צו: **וכפר עליו הכהן** אז דער כהן איז מכפר אויפ'ן נשיא מיט אזא קליינע קרבן, דאס איז ווייל "**מחטאתו**", וועגן **זיין עבירה** - ווייל זיין עבירה איז זייער א קליינע עבירה, ווייל וויבאלד זיין לב נשבר איז משונה'דיג גרויס, בלייבט דאך איבער נאר זייער א קליינע עבירה, איז אפילו בלויז מיט א **שעיר** וועט שוין אויך זיין "**ונסלח לו**". משא"כ א הדיוט וואס ברענגט א חטאת האט נישט אזא געוואלדיגע לב נשבר, איז וועגן דעם דריקט נישט דארט'ן דער פסוק "**מחטאתו**".

מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן
יהי' לו המחבר למליץ
אם יהי' לו זכות




איר קענט שיקן קוויטלעך
צום ציון הק'
להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטרעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

הגליון נתנדב ע"י

משפחת **זילבערשטיין** שיחיו
לע"נ אביהם הרה"ח ר' **ישראל**
בר **שמעון** ז"ל
יארצייט ז' ניסן

זכות הפצת תורת הגה"ק מפלאצק זצ"ל
יהא זכר ועילו לנשמתו